**גוט שבת אלע אידן.** אברהם אבינו ע"ה האט געלאזט ווארטן די הייליגע שכינה כדי צו טון חסד מיט די דריי "מענטשן" וואס ער האט מכניס אורח געווען. געוועינטלעך ווערט א חשובער מענטש באליידיגט טאמער מען האלט אין מיטן רעדן מיט אים, און מען פארלאזט אים פלוצלינג צו רעדן מיט א צווייטען נישט אזוי חשובען מענטש. אבער, די מידות פונעם אייבערשטער זענען נישט אזוי ווי די מידות פון מענטשן. ווייל דער אייבערשטער האט אזוי שטארק ליב געהאט צו זען אז אברהם אבינו ע"ה טוט חסד מיט די מלאכים, אז ער איז כביכול נישט ברוגז געווארן מיט אברהם. פארקערט, פון דא זאגן חז"ל אז הכנסת אורחים איז גרעסער ווי אפילו מקבל זיין די הייליגע שכינה. (שבת קכז.) דורך דעם וואס אברהם אבינו ע"ה האט אזוי סאך אריינגעלעגט אין די מצוה פון חסד, איז ער געלויבט געווארן מיט דעם טיטל פון "חסד לאברהם." (מיכה ז,כ) יעצט לאמיר דערציילן א מורא'דיגע מעשה וואס וועט אונז מעורר זיין צו וועלן ווערן בעלי חסד אזוי ווי אברהם אבינו ע"ה.

די יאר איז געווען תש"א. די אידישע וועלט אין אייראפע איז דעמאלט געוואר געווארן די אמת'ע כוונה פון די דייטשע רשעים ימ"ש, ד"ה אויסצומעקן אלעס אידיש, ה' ישמור. פארשטייט זיך אז אידן האבן זיך געציטערט אין יענע טעג. אבער אפילו עס איז געווען אזא שווערע צייט פאר כלל ישראל, האבן אידן נאכאלס געלערנט תורה מיט מסירות נפש ממש. צוביסלעך אבער, זענען ליידער רוב אידן אוועקגעשיקט געווארן און נעבעך נישט אהיימגעקומען, הי"ד.

עס איז געווען איין ישיבה אין ווארשא, פולין וואו די בחורים האבן געלערנט די הייליגע תורה אינטער די אכזריות'דיגע האנט פון די דייטשע וואס זענען אריינגעקומען קיין פולין סוף תרצ"ט. די ישיבה האט געהייסן אור ישראל. אפילו די מצב איז דעמאלט געווען אזוי אנגעשטרענגט, האט די ישיבה אין תש"א גענעמען דעם 17 יאר אלט בחור דער עלוי חיים קרייסווירט אלס מגיד שיעור.

עס איז שווער צו גלייבן, אבער די ישיבה אין ווארשא איז דעמאלט געווען אזוי פיל מיט תלמידים, אז זיי האבן נישט געהאט גענוג פלאץ פאר יעדער בחור צו האבן א בעט. עס איז געווען שווער אפילו פאר חיים צו טרעפן א בעט. אבער וויבאלד אז ער איז געווען א מגיד שיעור, האט מען ערלעדיגט א פלאץ פאר אים אין דעם דארמעטורי.

איין טאג איז געקומען צו אים דער ראש ישיבה, וואס האט פארגעשטעלט פאר חיים א יונג בחור וואס איז פונקט אנגעקומען קיין ווארשא. חיים האט גלייך דערקענט אז דער בחור איז אנדערש ווי אלע אנדערע בחורים אין ישיבה, ווייל דער בחור איז געווען שטארק שעמעוודיק. ער האט נישט אריינגעקוקט אין חיים'ס אויגן און נישט אין דעם ראש ישיבה'ס אויגן אויך נישט. דער בחור האט געהייסן "ישעיהלע משנה", א נאמען וואס ער האט באקומען צוליב דעם וואס ער האט געקענט אסאך משניות בעל פה. חיים איז שפעטער געוואר געווארן אז ישעיהלע משנה האט ליידער געליטן פון די יונגערע יארן פון א קראנק וואס האט אים געלאזט כמעט בלינד, ל"ע. וועגן דעם האט ער נישט אריינגעקוקט אין קיינעמ'ס אויגן! און וועגן דעם האט ער געדארפט לערנען אלעס בעל פה.

חיים האט אינטערגענומען צו העלפן דעם בחור אריינקומען אין די ישיבה. חיים האט געזוכט א בעט פאר ישעיהלע משנה אבער ער האט קיין בעט נישט געטראפן. צום סוף, האט חיים אוועקגעגעבן זיין אייגענע בעט פאר ישעיהלע משנה און ער אליינס איז געשלאפן אויפן פלאר.

איין טאג בערך א יאר נאכדעם זענען געקומען די ווילדע חיות אריין אין די ישיבה. זיי האבן אפגעשאסן די בית מדרש. דאן האבן זיי ארויסגענומען א ליסט פון אלע ישיבה בחורים, מגידי שיעור און ארבעטערס. איינס נאכעם אנדערען האבן זיי אויסגערופן די נעמען אויף די ליסט. ווען איינער האט געהערט זיין נאמען איז ער באגלייט געווארן ארויס פון דער בית מדרש וואו ער איז געשיקט געווארן צו דעם בית מדרש של מעלה, ל"ע.

סוף כל סוף נאך א שעה פון צוהערן די גיהינום, האט חיים געהערט זיין נאמען. ער האט זיך אויפגעשטעלט מיט א שטאלצקייט, גרייט צו מקבל זיין זיין גורל און זיך מוסר נפש זיין אזוי ווי די אנדערע אידן. אבער, חיים האט נישט געקענט פארלאזן דער בית מדרש דעם לעצטן מאל אן ער זאל ארויפשיקן נאך איין תפילה צום באשעפער. "רבונו של עולם, בעט איך אז די זכות פון מיין תורה לערנען זאל מיך באשיצן. און אויב דאס איז נישט גענוג א זכות, דעמאלט זאל די זכות פון דעם חסד וואס איך האב געטון פאר ישעיהלע משנה דורך די לעצטע 12 חדשים מיר בייזשטייען און מגן זיין אויף מיר."

בשעת חיים איז ארויסגעגאנגען האט ער געשפירט שוין דעם ביקס אויף זיין ריקן. ער האט ארומגעקוקט צו זען אלע טייערע בחורים וואס זענען נעבאך אומגעקומען על קידוש השם, הי"ד.

דער סאלדאט האט זיך געדרייט צו אים. אנשטאט אנצוויזן דעם ביקס אויף חיים, האט דער דייטשער סאלדאט געלייגט זיין האנט אויף חיים'ס אקסעל און געזאגט, "הער צו, דו קוקסט אויס ווי א פיינער מענטש. איך וואלט בעסער ליב געהאט נישט צו זיין דא פונקט אזוי ווי דיר. באמת וויל איך נישט הרגענען קיינעם, אבער טאמער איך גיי נישט הרגענען, גיין זיי מיך הרגענען." (די טענה וועט אים זיכער נישט העלפן ביי זיין משפט.) חיים האט נישט געגלייבט וואס ער האט געהערט פון דעם רשע'ס מויל.

"דעמאלט..." האט דער סאלדאט געזאגט ארומקוקנדיג צו זען אויב איינער קוקט זיי אן. "דעמאלט... דאס איז דער פלאן... איך גיי שיסן צוויי מאל אין דעם לופט כדי זיי זאלן מיינען אז איך האב דיך געשאסן. אזוי וועלן זיי גארנישט חושד זיין. אבער דעמאלט מוזטו שנעל אנטלויפן! איך קען דיך נישט צוזאגן אז זיי גיין דיך נישט כאפן... יעצט, לויפט שנעל!" צוויי שאסן זענען געקלינגען אין דעם לופט. חיים איז געלאפן ארויס פון שטאט, און ער האט ב"ה איבערגעלעבט דער מלחמה. יארן שפעטער איז חיים קרייסווירט ז"ל געווארן דעם אב בית דין פון אנטווערפן און דער ראש ישיבה פון עטליכע ישיבות. ער האט געענדיגט דערציילן זיין מעשה מיט זאגן "איך בין זוכה געווען צו זיין א ראש ישיבה פאר 67 יאר! קוקט און זעט דעם כח פון חסד!" **גוט שבת אלע אידן.**

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של ר' נתן בן רבקה, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים
נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג (845) 362–3234

**מבצע חדש לשנה החדשה: נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים!**

*דורך דעם וועסטו זיין א מזכה את הרבים!* **און מכלל הן אתה שומע לאו**